בס״ד

(פרייע איבערטייטשונג פון ענגליש אויף אידיש)

טייערע מיניסטער.

איך שרייב צו אייך אלס א ענגלישע בירגער און א מיטגליד פון דער חרדישער געמיינדע פון ארטאדאקסישע אידן, אויסצודריקן מיינע טיפע זארגן און שטארקע קעגנערשאפט אנטקעגן דעם סקולס ביל 2022.

עס קוקט אויס אז דער ביל האט א באהאלטענע פלאן, אונז אויסצומישן מיט די לעבנ׳ס שטייגער פון די אלגעמיינע באפעלקערונג. דער ביל צילט אדורכצופירן שינויים וויאזוי מיר זאלן זיך אויפפירן מיט אונזער רעליגיע. דאס איז אונטערן שלייער פון ארויפצוווינגען אויף אונז געזעצן וואס מיר זאלן מוזן לערנען אין אונזערע זעלבסטשטענדיגע ישיבות.

רוב ארטאדאקסישע אידן אין ענגלאנד זענען אייניקלעך און אור-אייניקלעך פון די קרבנות וואס מ׳האט אויסגעהרג׳עט אין אויסשוויץ, אדער פון די לעגענדארע קינדער-טראנספארט יתומים, און א קליינע צאל פליטים וואס לעבן מיט אונז לאורך ימים ושנים. דאס מסירת נפש פון די פליטים אויפצובויען צוריק די אמאליגע היים, דאס האט אהערגעשטעלט דעם המשך פון ארטאדאקסישע יודנטום אין ענגלאנד. אונזער ציבור האלט זיך אן צו די פרינציפן פון קיום התורה און פאלגן די געזעצן פונעם לאנד, אזוי ווי עס שטייט אין גמרא.

אלס ענגלישע געטרייע בירגער, ווען מיר קיינמאל נישט פארגעסן און אלעמאל מכיר טובה זיין פאר ענגלאנד וואס האט אונז צוגעשטעלט א פריינטליכע און א טאלעראנטישע פלאץ ווי מיר קענען פרייערהייט אנגיין מיט אונזער רעליגיע. מיר זענען די גרעסטע ארטאדאקסישע אידישע קהילה אין אייראפע.

מיר האלטן זיך צו אונזערע מנהגים און צו אונזער מסורה, מיר לעבן אויפן דרך התורה לויטן שולחן ערוך. מיר גלייבן אז אונזער דרך און אונזער אמונה איז א יסודות׳דיגע סיבה פארוואס אונזערע קינדער טון זיך אזוי גוט קאנצענטרירן און זענען מצליח אין זייערע לימודים. ווער ס׳איז נאר פערזענליך באקאנט מיט אונזערע מוסדות קען עדות זאגן אז נישט נאר וואס זיי שטעלן צו אן אויסגעצייכנטע און א זיכערע אטמאספערע, נאר זיי שטעלן אויך אויס אונזערע קינדער מיט פעהיגקייטן און ידיעות צו ווערן א נוצליכע באשטייערער סיי פאר אונז און סיי פאר די אלגעמיינע באפעלקערונג.

בדרך כלל, טוט די שטארקע שם טוב פון אונזערע ישיבות אסאך צוגעבן צום גוטן נאמען פון די ענגלישע אלגעמיינע קולטור. די ישיבות זענען איינע פון די איידל שטיינער אין די קרוין אינעם הארץ פון די ענגלישע בליענדע אידישע קהילה, וואס די גאנצע וועלט טוט אזוי שטארק רעספעקטירן.

דער וויכטיגסטער חלק אין חינוך איז אויפצוהאלטן לימוד און שמירת התורה, כדי צו פארזיכערן אז אונזערע עיקרי היסודות זאלן זיך האלטן פעסט און נישט ווערן פארוואסערט. אונזערע שולעס און ישיבות שפילן די מערסטע קריטישע ראלע אין מחנך זיין דעם קומענדיגן דור. נאכדעם וואס מיר האבן פארלוירן אין די צווייטע וועלט מלחמה, מוזן מיר נאכמער באשיצן דעם יסוד פון אונזער עקזיסטענץ און אונזער יומען רייטס.

אונזערע ישיבות ערמעגליכן פאר ארטאדאקסישע משפחות מחנך צו זיין זייערע קינדער אויף הויכע מאראלישע סטאנדארטן און פרינציפן. עס איז ברייט באקאנט אז ביי אונז קומען כמעט נישט פאר קיין פארברעכנס אזוי ווי ביי אנדערע.

אונזער ציבור לעבט לויט אונזער דריי-טויזנט-יעריגע מסורה און פירט זיך לויט די לערנונגען פון אונזער הייליגע תורה און אירע געזעצן. מיר געבן אכטונג צו זיין אפגעזונדערט פון די פארשידענע קולטורן, וואס וואלט געשטערט די מאראלישע חינוך פון אונזערע קינדער און וואלט אפגעהאלטן זייער הצלחה צו שטייגן אין תורה ויראת שמים. די פארגעלייגטע סקולס ביל איז א סכנה צו טוישן יסודות׳דיגע ענינים פון אידישן מהלך החיים. מיר קענען נישט טוישן דעם אופן ווי די ישיבות ווערן געפירט; דאס איז אונזער הייליגע מסורה וואס מיר האבן גע׳ירש׳נט פון די פריריגע דורות, און סיי וועלכע שינוי אין די הנהגה פון אונזערע ישיבות וועט זיין א סתירה צו אונזערע רעליגיעזע פרינציפן און גלויבן.

רוב חרד׳ישע קינדער גייען אין חדרים וואס זענען געהעריג רעגולירט דורך די דעפארטמענט אף עדיוקעישאן לויט די שולע סטאנדארטן וועלכע זענען גילטיג פאר אלע זעלבסטשטענדיגע שולעס. עס איז ביי אונז איינגעפירט אז ביים עלטער פון 13 יאר גייען די בחורים אין די ישיבות ווי זיי לערנען ספעציעלע רעליגיעזע לימודים, די ישיבות זענען זעלבסטשטענדיג און ווערן נישט פינאנצירט דורך די רעגירונג.

זיי באקומען אויך האום סקולינג אין אלגעמיינע ענינים (למשל שווימען, העלפן אין שטוב מיט די קינדער וכדומה). די רעליגיעזע לימודים און די אלגעמיינע ענינים האבן אבער נישט קיין שום שייכת איינס מיט די אנדערע. אונזער ציבור פירט זיך שוין אזוי מערערע דורות. לויטן יעצטיגן געזעץ ווערן די ישיבות נישט רעגולירט דורכ׳ן עדיוקעישאן דעפארטמענט ווייל זיי שטעלן נאר צו רעליגיעזע לימודים און זיי געבן נישט א פול-טיים עדיוקעישאן.

אינעם סקולס ביל זענען דא פארשידענע תנאים, ספעציעל אין סעיפים 56, 57 און 58 פונעם פערטן חלק, וואס זענען אויסגעשטעלט געווארן צו באדראען אונזערע פרינציפן. צום ביישפיל, דער ביל טוט פארברייטערן די קאטעגאריע פון ״זעלבסטשטענדיגע חינוך מוסדות״ אזוי אז עס וועט אינעם עתיד ארייננעמען יעדן מוסד וואו א קינד **׳קען ערווארטן צו באקומען אלע אדער רוב פון זיין חינוך אין דעם מוסד׳**. עס איז קלאר פון די שריפטן וואס דער דעפארטמענט אף עדיוקעישאן האט ארויסגעגעבן אז זייער כוונה איז צו רעגולירן ישיבות אזוי ווי זיי וואלטן געווען א פולשטענדיגע אלגעמיינע סקול.

דאס מיינט אז ישיבות וועלן לויטן געזעץ מוזן לערנען סעקולערע ענינים, און טאמער וועלן זיי דאס נישט טון און נישט נאכקומען אפסטעד׳ס אינספעקשאנס, וועלן זיי פריער אדער שפעטער זיין געצווינגען צו פארשליסן די ישיבות.

איך גלייב אז די הצעה פון דעם געזעץ איז דיסקרימינאטאריש און ס׳איז אפשר אויך אנטיסימיטיש, צוליב די פאלגענדע פיר סיבות:

1. עס איז נישטא קיין שום פארשלאג אז ישיבות ברעכן יעצט סיי וועלכן געזעץ, אויך איז נישטא קיין שום באוויזן אז די היימישע חינוך וואס די חרד׳ישע משפחות געבן פאר זייערע קינדער צווישן 13 אין 16 איז נישט גענוג אדער עס טויג נישט. ממילא האט נישט די געזעץ א קלארע חינוך׳דיגע צוועק.

2. די תוצאה פון באהאנדלען ישיבות ווי זיי וואלטן געווען סקולס איז ארויפצוצווינגען אויף זיי א פליכט צו לערנען סעקולערע לימודים אויסער די רעליגיעזע לימודים. דאס מיינט צו טוישן יסודות׳דיג זייער ראלע און זייער מטרה. דאס גראבט אונטער די רעכטן פון עלטערן און פון קינדער צו פראקטיצירן זייער רעליגיע.

3. דורך געבן פארן דעפארטמענט אף עדיוקעישן א שטארקן כוח ארויף צו צווינגען פארלאנגען און צו זיין פארמישט אין די הנהגה פון ישיבות, טוט דער סקולס ביל נישט אנערקענען אז חרד׳ישע משפחות האבן א יסודות׳דיגע רעכט צו ערציען זייערע קינדער לויט זייערע מסורה, לויט זייערע מנהגים און לויט זייערע פרינציפן, אזוי ווי זיי זענען בארעכטיגט דורך ארטיקל 2 פון די יומען רייטס אקט.

4. די סכנה פון דער פארגעשלאגענע געזעץ איז אז עס וועט פארוואסערן די יסודות׳דיגע פרינציפן פון אונזער עקזיסטענץ, און עס וועט שלעכט משפיע זיין אויף אונזערע קומענדיגע דורות. אויב אונזערע ישיבות ווערן סעקולערע סקולס, וועלן זיי פארלירן זייער תפקיד פון ווייטער אויפצוהאלטן אונזערע רעליגיעזע מסורה וואס מיר פירן זיך אויף דעם דרך מדור דור. דאס איז א נצחיות׳דיגע סכנה פאר מיינע קינדער, פאר מיינע אייניקלעך און פאר מיינע אור-אייניקלעך.

די סקולס ביל הצעה טוט גארנישט צו באשיצן קינדער. עס איז למעשה א ברענשטאף פראצעדור צו פארשווענקן די מוחות פון די קינדער׳ס מחשבות, אוועק צו נעמען פון זיי און פון זייערע עלטערן די זעלבסט-רעכט און מעגליכקייט אויסצודריקן זייער אייגענע כאראקטער און קולטור. מיר קענען דאס קיינמאל נישט אננעמען.

די דעפארטמענט אף עדיוקעישאן האט קאמענטירט אז ״כאטש געוויסע גלויבן גרופעס, אזוי ווי מענטשן פון די חרד׳ישע אידישע גלויבן, קענען ווערן עפעקטירט מער ווי אנדערע דורך די הצעות, איז דער תועלת וואס דאס וועט ברענגען פאר די קוואליטעט פון די קינדער׳ס חינוך און דאס צושטעלן אויפזיכט פון סעפגארדינג דורך די רעגולירטע אקטיוויטעיט - דאס איז וויכטיגער״.

סיר! איך וואלט מיט רעספעקט געפרעגט אויף די הנחה. ערשטנס, סעיפגארדינג איז קיינמאל נישט געווען קיין פראבלעם אין די חרד׳ישע שולעס וואס האבן א לאנגע און א שפאגל-ריינע רעקארד פון באשיצן זייערע קינדער. די שולעס האבן קיינמאל נישט געליטן פון ברייט פארשפרייטע בולי-אינג, פון ווייעלענס און פון די סאשעל שמוץ וואס פלאגט ליידער אזויפיל שולעס אין ענגלאנד. דאס איז א פאקט וואס ווערט נאכאמאל און ווידעראמאל ארויסגעברענגט קלאר און דייטליך אין די אפסטעד אינספעקשאן רעפארטס. דאס אז די קינדער פעלן אינגאנצן נישט אין אונזערע שולעס (טרוענסי) - דאס איז אין קעגנזאץ צו די שטייגענדע הויכע פראצענט ראטע פון די וואס פעלן אין די אלגעמיינע שולעס אין ענגלאנד - דאס צייגט קלאר אז חרד׳ישע קינדער און זייערע עלטערן האבן פולע צוטרוי צו אלע זייערע שולעס.

צווייטנס, די מסקנה אז די ענדערונג לויט ווי עס איז פארגעלייגט אין דעם סקול ביל ״וועט זיין א תועלת פאר די קינדער׳ס קוואליטעט פון חינוך״ דאס איז געבויעט אן באווייזן. אדרבה, די אקאדעמישע פעהיגקייטן און וויסנשאפט פון די חרד׳ישע שולעס לימודים האבן שוין אסאך יארן געשטעלט זייערע תלמידים אויף א שטאפל העכער פונעם נאציאנאלער דורכשניט.

ביטע נעמט אין אכט אז אסאך מיטגלידער פון אונזער קאמיוניטי - יונג און אלט - זענען שאקירט, נישט וויסנדיג וואס עס קומט ווייטער. זיי זענען זייער שטארק באזארגט וועגן זייער צוקונפט אין ענגלאנד, וואס טוט לכאורה רעפרעזענטירן ׳באוואפענטע לעגאליזאציע׳ (אויסדרוק: Weaponised Legalism).

איך בין דא מציע צו טוישן חלק 4 פון די סקולס ביל, קלאר צו שטעלן אז מוסדות פון רעליגיעזע חינוך ווי ישיבות, וועלן נישט ווערן געצוואונגען צו טוישן זייערע יעצטיגע קוריקולעם און וועלן נישט ווערן פאררעכנט אלס פול-טיים סעקולערע סקולס.

איך האף אז איר וועט פארשטיין ווי וויכטיג דער נושא איז פאר אונזער קאמיוניטי. אויב מיר זענען געצוואונגען צו טוישן די וועג ווי מיר לערנען אונזער רעליגיע, טוט איר אונז למעשה זאגן אז אונזערע קולטורן און מסורה זענען נישט וועלקאם אין ענגלאנד.

רייט האנארעיבל נאדהים זאהאווי! איך גלייב נישט אז איר באטראכט ארויסצוטרייבן די ארטאדאקסישע אידנטום פון ענגלאנד, אבער דאס איז למעשה וואס די דיסקרימינאציע ביל וועט טון. דאס איז א פאקט וואס איז אומדירעקט פאראויסגעזען געווארן דורך אייער אייגענע דעפארטמענט! לויט ווי עס שטייט אין די עקוואליטיס אימפעקט אסעסמענט דאקומענט, וואס איז פובליצירט געווארן דורך די דעפארטמענט אף עדיוקעישן אין מאי 2022, זענען זיי מודה אז די תוצאה פון ענדערן דעם דעפינישאן פון זעלבסטשטענדיגע חינוך אינסטיטיושאנס, וועט מעגליך ברענגן דערצו אז חרד׳ישע מענטשן פון די אידישע גלויבן וועלן ״אוועקשיקן זייערע קינדער קיין אויסלאנד״. איך טוה דערפאר שטארק פארלאנגען אז איר זאלט אנערקענען די יסודות׳דיגע יומען רייטס פון אונזער קאמיוניטי צו אירע רעליגיעזע זעלבסטשטענדיקייט. איך גלייב אז מיר האבן די רעכט צו לעבן פריי אין ענגלאנד, אן מורא אז די סטעיט זאל זוכן אונז אויסצומישן מיט די אלגעמיינע באפעלקערונג אדער זיך אריינמישן אין אונזערע רעליגיעזע לעבנס שטייגער.

איך אפעליר צו די בריטישע רעגירונג אונז צו שענקען די פרייהייט פארצוזעצן אויפצוציען אונזערע קינדער אונטער די אנווייזונג פון דער תורה און פון די אידישע געזעצן לויט אונזערע הייליגע רעליגיעזע פרינציפן. אסאך פון אונזערע עלטערן האבן מקריב געווען זייער לעבן אדער זייער פרייהייט ווי איידער צו מאכן פשרות אויף אונזערע פרינציפן. מיר זענען נישט אנדערש.

איך וואלט אויך שטארק פארלאנגט אז אייער דעפארטמענט זאל איינזעהן אז בריטישע ישיבות האבן א גרויסע חשיבות און זיי זענען זייער געלונגענע חינוך מוסדות. דער גוטע נאמען קען אבער צעשטערט ווערן אין איין מאמענט מיט איין באדויערנדע אומפאסיגע געזעץ, וואס איז א תוצאה פון פוילע תירוצים אנטקעגן דעם רעליגיעזן חינוך.

איך בעט פון טיפן הארצן, אז די רעגירונג זאל אנערקענען דעם געוואלדיגן תועלת פארן בריטישן לעבן און מסכים זיין צו פארבעסערן דעם ביל דורך ערלויבן ישיבות נישט בלויז צו פארבלייבן נאר אנצוגיין און שטייגן.

מיט עהרע,